NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13370

# MENDELE MOYKHER

Zalmen Reisen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

...אלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו מ. פיצאן
17/4 ...



# קינדער = ביבליאטעק = № 2

## מענדעלע מוכר ספרים

## זיין לעבען און זיינע ווערק

פערלאג
קינדערוועלט

הויפט־אגענטור:
בוכהאנדלונג ז. ש. שרעבערק
—) ווילנא (—
וודניצקע 16

תרס"ח.

## א.

ערנעץ אין דער ליטע, אין מינסקער גובערניע, ווייט פון א באן, איז פאראן א פארוואָרפן יידיש שטעטל קאפוליע. דאָס שטעטל איז א קליינס און אן אָרים; דערפאַר אָבער ליגט עס אין זייער א שיינער געגנט, אויף הויכע בערג. די טאָלן בארג-אראָפּ, באוואַקסן מיט גרינע גראָז, ציהען זיך ארום שטעטל; צוואַרפנדיק זיך אין פארשיידענע פּאנאָראמעס: גערטענער, פעלדער און וועלדלאך פון ניס, אויך געמייזאַכצן, גרין באוואַקסענע זומפּן מיט ושאווער*) און הושענות, צווישן וועלכע עס רינען קוואלן וואסער, עס שוויבלען און גריבלען מיני עופות. אויף יענער זייט טאָלן — ווייטער בערג, ווייטער פעלדער, וועלדלאך און וועלדער. גאַר אמאָל, פארצייטנס איז קאפוליע בווקא געווען א בארימטע שטאָט; דאָרטן האָבן געוואוינט ליטווישע פירשטן פון אָלגערדס**) הויז. אין שטעטל איז פאראן א בארג, וואָס מ'רופט אים „דער שלאָס", וועהט מען נאך דאָרטן עד-היום דעם זכר פון אן אלטען פירשט-לאָכן פאלאץ, וואו יידישע קינדער, חדר-ייִנגלאך שפּילן אין נים שבת און יום-טוב און בין-הזמנים.

אָט אין דעם ראָויקן שטעטל, צווישן דעם רינג הייזער אויפן מארק, דעם שעכסטן פלאַץ אין קאפוליע, איז מיט א יאר הונדערט צוריק געשטאַנען א הילצערנע שטוב מיט א גאַניקל, כמעט אין פאסאן, אין געשטאַלט מיט די אלטע

*) פליושיק. **) א בארימטער פירשט פון ליטע.

אנדערע הייזער דאָרט, נישטמער וואָס זי איז געווען אָפּגעטינקעוועט, ווײַט אָפּגעשטירט פאָרנט אויף דער גאַס אַרויס.

די דאָזיקע אָפּגעטינקעוועטע שטוב האָט געהערט צו רֶב חיים־משֶׁהן, אַ שײנער געהויבענער בַּעל־הַבַּיִת, אַ פאָרנעם אין דעם שטעטל. קאַפּוליע האָט פון אַלע מאָל אָן געהאַט אַ שֵׁם פאַר אַ מָקוֹם־תּוֹרָה, וואו די אײַנוואוינער זײַנען כמעט אַלע געווען לומדים. און אויך רֶב חיים־משה איז געווען אַן אֱמֶתער ייִדישער תַּלמיד־חָכָם און אַן ערלאַבער ייִד. ער איז געווען, ווי מען זאָגט, אי צו גאָט אי צו לײַט. זײַן צײַט איז געווען אָפּגעגעבן צו דער פַּרנָסָה, צו תּורה און אויך צו שטאָטישע זאַכן. יאָרנלאַנג האָט ער געהאַלטן די טאַקסע פונ'ם פלײש אין שטעטל. יאָרנלאַנג אויסגעווען אַ קאַזיאָנער רב דאָרט, נישט באַלױנט צו ווערן דערפאַר. פלעגט אויך זאָגן אומזיסט אַ שיעור גמָרא מיט פּוסקים פאַר יונגעלײַט. זײַן הויז איז געווען תָּמיד פול, דער אַרײַן, יענער אַרויס. קײן זאַך האָט מען נישט געטאָן אָן אים. וואו ערגעץ אַ שפּאַרעניש, אַ לאָדעניש, איז ער געווען דער פאַרמיטלער. בשעת עפּעס אַ נײַס אין כּלל־זאַכן, פלעגט מען אָנקומען צו זײַנס אַן עֵצָה און וועגן לצדינג מיט אים זיך מיישב געווען.

זײַן ווײַב שָׂרָה־נעטי, אַן אידעלע שוואַכע פרוי, מיט קלײנע ווײַסע הענט, מיט דינע בלויע עדערלאַך, אַ פאַרפרומט בלײך פּנים מיט דינע ליפּן—אינגאַנצן עפּעס אַ רוחניות, איז געווען אַ וואוילקענענדיקע, געוואוסט אַלערלײ מיני תחינות, געלײענט פאַרשײדענע הײליגע ספָרים אויף עברי־טײַטש, געווזן די ווײַבער אין שול צו דאַוונען, וואָס צו זאָגן, ווען צו שפּרינגען קָדוֹש. זי פלעגט פאַר זיך אויך פאַרלײענען פון די הײליגע ספרים, און איר לײענען איז פול געווען מיט געפיל. איר ניגונדל דערבײַ האָט גערירט,

געצופט בײַ דער נשמה, אַ שטײן אַפילו װאָלט פון אירע
טרערן אויך צוגאַסן װערן.

אַם בײַ דעם דאָזיקן פּאָרפּאָלק איז אין יאָר תקצ"ו
(דעם 20-טן דעצעמבער 1835) געבוירן געװאָרן אַ ײנגעלע,
אַ זיבעט קינד, און מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן שלום-
יעקב. פון דעם דאָזיקן ײנגעלע איז שפּעטער אויסגע-
װאַקסן דער גרויסער ײדישער שרײַבער שלום-יעקב
אַבראַמאָװיטש אָדער, װי ער האָט זיך אַ נאָמען גע-
געבן אויף זײַנע ביכער, מענדעלע מוכר-ספרים.

שלום-יעקב האָט פון קינדװײז אויף זיך אַרויסגעװיזן פאַר
זעער אַ געראָטן קינד, אַ װאױלט און אַ לעבעדיקס, מיט
אַ שאַרף קעפּל צום לערנען. בײַ זײַן ערשטן מלמד האָט
ער אין אײן יאָר זיך אויסגעלערנט גוט עברי, געלײענט
גיך װי אַ װאַסער און אָנגעהײבן חומש, װי דער שטײגער
איז אַמאָל געװען, פון „ויקרא", װאָס אַנדערע קינדער
באַדאַרפן דערויף אַװעקזיצן אין חדר אַ צװײ-דרײַ יאָר.
בײַם גאַנצן הויזגעזינד ר' חיים משהס װי אויך בײַ פרעמדע
איז שלומקע געװען זעער באַליבט פאַר זײַן לעבעדיקײט,
פאַר זײַנע קלוגע אײַנפאַלן און נאָך מער—פאַר זײַנע אָנ-
שטעלן. ס'איז אין אים געלעגן בסבע עפּעס אַזױנס,
אויפצובאַפן באַלד בײַם ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אַ
װאָרט, װאָס עפּעס ניט אַזױ, משונה װי בײַ אַנדערע: ער
פלעגט װאונדערשײן נאָכמאַכן אַבי-װעמען מיט אַלע פּאָס-
טעמקעס—װי יענער רעדט, װי יענער שטײט און גײט.
אַזױ אַז מ'פלעגט זיך האַלטן בײַ די זײַטן פאַר געלעכטער,
זעהענדיק און הערענדיק אים.

באַזונדערס ליב האָט ער געהאַט נאָכצומאַכן גיטל
די זאָגערין, װי זי קושט די מזוזה בײַם אַרײַנקומען
אין שטוב, אָנגעטאָן אין דער יופּע אויף אײן אַרבל; װי
זי פאַרציהט די ליפּעלאַך, זאָגט „אַ גאָט העלף!" מיט חן ו

ווען זי גיט אַ בייג דעם רוקן ווי אַ קעצעלע, אַזוי אַז איין אַקסל קומט אויס נידעריק, דער אַנדערער העכער, דאָס קעפּעלע אין דער זייט, אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט, און אַ פינגער אויף דער באַק; ווי זי קנייטשט דאָס פּנימל, אַ סמאָרע מיט דעם נעזל, פאַרגלאָצט די אייגעלעך און רעדט מיט תחינה־לשון: „געלויבט און געאַכפּערט דעם אַלמעכטיקער, ברוך הוא וברוך שמו, וואָס באַשירעמט זיין פאָלק ישראל״.

די מאַמע פלעגט מיט אַנדערע גלייך טאַקע אויך לאַכן, נאָר דערביי מיט אַ פינגער אויף דער נאָז כלומרשט אין כּעס צו אים מאַכן:

— וואַרט נאָר, וואַרט, שיין בּחורל איינער! איך וועל נישקשה דערציילן דעם טאַטן, וועסטו שוין וויסן, נישקשה, ווער עלטער איז, ווי אַן עלטערן נאָכצוקרימען. זאָל איך אַזוי וויסן בייז, אויב איך פאַרשטיי, וואָס פאַר אַ כין שלאַק דאָס איז, רבונו־של־עולם!...

דער טאַטע אָבער איז געווען אַמבין אויף זיין געראָטן, שטאַרק געליבט קינד. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ווען מ׳זאָל אים לערנען מיט אַ חדר, ווי עס באַדאַרף צו זיין, קאָן פון אַזאַ יינגעלע ווי שלומקע מיט דער צייט אויס־וואַקסן אַ ליט. אָבער קיין שולן אַזעלכע ווי היינט זיינען דאַמאָלסט ביי ייִדן ניט געווען. לערנען אין יענער צייט האָט געהייסן גמרא מיט מפרשים און פוסקים. פון קיין אַנדערע לימודים האָט אַ ייִדיש קינד ניט געטאָרט וויסן; אַפילו תּנך פלעגט מען דאַן ייִדישע קינדער ניט לערנען. ר׳ חיים משהן אָבער האָט זיך נעגלוסט פאַר זיין שלומקען מאַכן אַן אויסנאַם, פּרובן אים לערנען דווקא תּנך. וואָרם רב חיים־משה אַליין האָט זעער גוט געקאָנט תנ״ך און זעער שיין געשריבן לשון־הקודש. פון זיינע בריוולאַך פלעגט מען לעקן די פינגער. ער האָט לאַנג געזוכט אַ רעכטן מלמד

פאַר זײַן געראָטענעם יִנגעלע, ביז ער איז געפאַלן אויף יוסי־ראובנס, ער זאָל לערנען מיט שלוימקען. דער דאָזיקער מלמד איז טאַקע געווען ווי געוואונטשן פאַר דעם 6—7 יאָריקן תּלמיד. דער רבי און דער תּלמיד האָבן זיך איינער דעם אַנדערן זייער גוט געפּאַסט. קיין בעסערן מלמד האָט מען גאָר ניט געדאַרפט האָבן.

יוסי־ראובנס איז געווען אַ דאַרער, אַ קורצזיכטיקערט מיט אַ בלייך פּנים, אַ שטילער, אַ גוטער און זייער באַליבט, ביי איטלעכן אין דעם שטעטל. זײַן כאַראַקטער, זײַן וואוינונג, זײַן שטילער לעבן, זײַן טאָן און אַלץ מיט אַנאַנדער האָט באַשייטפערלאַך געוויזן, אַז אין אים איז דאָ דאָס פּינטעלע, דער ברען פון אַ קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ האַנט צו שניצן, צו מאָלן, צו שרייבן און צו קריצן אויף קופּער און אויף שטיינער, נישט צו מאַכן זיך דערויס אַ פּרנסה, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דאָס איז געווען זײַן בעסטער פאַרגעניגן; ווייל עס האָט אים דערצו עפּעס געטריבן, און ער האָט באַדאַרפט און עפּעס געמוזט מייסטערן. ביי דעם שטעטלדיקן עולם יידן האָט ער געהייסן אַ בריה צו אַלצדינג, אַ קענער, עפּעס גאָר אַ שרעק—און ווי האָבן ביי איטלעכער געלעגנהייט זיך מיט זײַן בריהשאַפט באַנוצט. מען האָט אים מכבד געווען מיט שניצן דעם אָרון־הקודש, מאָלן אַ מזבח, שלאָגן מצבות, קריצן חתימות; מיידלאַך, כּלות פּלעגן אים מטריח זײַן, מיט זײַן גוטן ווילן צו מאַכן פאַר זיי מוסטערן אויף קיטל־שטיקלאַך, אויף העמדן, אויסנייען פאַר זייערע חתנים תּפילין־זעקלאַך.

דער שטייגער פון לערנען איז געווייינטלאַך געווען אַזוי: בשעת דעם לערנען ביים טיש פלעגט דער רבי זיצן אויף זײַן אָרט מיט עפּעס אַן אַרבעט—מאָלן אָדער שטעכן אַ התימהלע. נאָר דאָס האָט אָבער ניט געשאַדט צום גאַנג פונעם לערנען. ער האָט נישקשה זיך גוט צוגעהערט,

פאַרקערט, דאָס לערנען איז געגאַנגען נאָך פיל בעסער;
די אַרבעט האָט אים באַגייסטערט, באַלעבט. געמאַכט באַ-
רעדעוודיג. ערשט דענסטמאָל האָט ער דערקלערט אַלצ-
דינג שאַרף, קלאָר, פונעם מויל האָבן זיך אים געשאָטן
פּערל, אין די אויגן האָט געפינקלט אַ היילינג פייערל, ער
האָט געקוקט מיט ליבשאַפט עפעס אַזוי גוט, אַזוי גוט...
און דעם תּלמיד פלעגט עס געבן אַ נעם, אַ ברען, אונטער-
געגעבן אים אַ חֵשֶק. ער האָט געשלונגען איטלאַכס וואָרט,
אויפשטעלנדיק די אויערלאַך... דאָס לערנען איז געווען
נאָר עפּעס ווי אַ שמועס צווישן צוויי פריינד, אין וועלכן
איין האַרץ פילט דאָס אַנדערע — — אַ שמועס, וואָס מאַכט
פאַרגעניגן אי דעם, וואָס רעדט, אי יענעם, וואָס הערט.
ביידע פאַרשטייען זיך זייער גוט, און עס ווילט זיך צו-
ברענגען די צייט נאָך און נאָך.

אָט דער דאָזיקער זעלטענער רבי האָט געהאַט זייער
אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין געראָטענעם תּלמיד. פון אים
האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט שרייבן זייער שיין; שלוב-
יעקבס כּתב איז געווען גאָר אַ וואונדער, -עפּעס נאָר ניט
קיין שורות מיט אותיות, נאָר שנורן קליינע, זעלטן שיינע
פּערל. יוסי-ראובנס האָט אים אויך פון קינדווייז אויף
אַריינגעגעבן אַ חֵשֶק צו אַרבעטן, איינצושלייפן און אָפּצו-
מאַכן איטלאַכס וואָרט, יעדן זאַץ, אַז עס זאָל אַרויסקומען
קונציג, אַן אַ שום פגימהלע.

שלומקע איז מיט דער צייט אַלץ געוואַקסן, געוואַקסן
ווי אַ בלימעלע אונטער אַ גוטער השגחה, געוואָרן אַלץ
קלינגער און פאַרשטענדיקער. שלומקע אין חדר און שלומקע
אין דרויסן זיינען געווען עפּעס גאָר אַנדערע פאַרשיידענע
מענשן. האָט ער געלערנט, האָט ער זיך מיט דעם גאַנצן
קאָפּ אַריינגעטאָן אין לערנען, געדענקט, געטראַכט, גע-
חאָלט פאַרשטיין גרינדלאַך איטלאַכע זאַך. נאָר קוים צוגע-

**מאכט דעם ספר, איז ער ווי איבערגעביטן געוואָרן, געלעבט. געשטיפט** — אַ יינגל מיט די ביינער... שלומקע איז בטבע געווען אַ הייטבלוטיקער, אָנצינדנדיק זיך ווי אַ שוועבעלע, וויבאַלד נאָר עמעס האָט אים געטאָן אַ ריר.

אַז שלומקען איז אַוועק דאָס עלפטע יאָר, האָט זיך די תורה פאַר אים ביי יוסי־ראובנס אויסגעלאָזט, און ער איז איבערגעגאַנגען אויפן מאַטנס הענט, לערנען אונטער זיין השגחה. דער שטיינער לערנען איז געווען אַזוי: אַלע פרימאָרגן, באַלד נאָכן דאַווגען, פלעגט דער טאַטע זיצנדיק אויף זיין שטאָט איבענאָן אין קלויז, לערנען מיט אים אַ פרק אָדער צוויי פרקים משניות כסדר. נאָך דעם אָנבייסן פלעגט ער בלייבן אינדערהיים, צוגרייטן אין אַלקערל דאָרט דאָס לייענען, וואָס דער טאַטע האָט אים אין דער גמרא פאַרגעבן מיט תוספות און מהרש״א. ער האָט עס באַדאַרפט דערנאָך איבערזאָגן, אינדערהיים מאָקע, אַמאָל בייטאָג, אַמאָל ביינאַכט, ווי דעם טאַטן איז אויסגעקומען, און גאָר אַמאָל פלעגט דער טאַטע אויפוועקן שלומקען פאַרטאָג אויך און אַוועקגיין מיט אים לערנען אין קלויז.

אמת מאַקע, דאָס אויפשטיין פאַרטאָג, בשעת דער שלאָף איז אַזוי געשמאַק, איז שלומקען אָנגעקומען נים אַזוי גרינג. נאָר איז ער אָבער שוין אויפגעשטאַנען, אַראָפ פונעם נעלעגער, האָט עס אים זעהר הנאה געטאָן, דאָס אויפזיין דאָס גיין אין קלויז און דאָס לערנען נופא האָט אים גרויס פאַרגעניגן געמאַכט — און ער פלעגט מאָקע לערנען מיט חשק און התמדה, געשמאַק אויף אַ ניגון.

אָבער נים נאָר צום לערנען האָט שלומקע געהאַט אַזאַ גרויס געפיל; אין זיין הארצן איז אויך געלעגן פאַרבאָרגן אַ שטאַרקע ליבשאַפט צו דער שיינער נאַטור. ער האָט האָלט געהאַט דעם אויסגעשטערנטן הימל, דעם פילפאַרביקן רעגנבויגן, די פונקלדיקע טראָפּנס טוי אויף דעם גרינגראָז

אין גאָרטן. ער האָט געפילט אַ טַעַם אין דונער, אין בליץ, אין שטורעמווינט און אויך אין דעם זומען פון אַ שטיל לופטעלע, אין דעם זשומען פון בינען, זשוקלאַך און אין דעם שוועבן פון מיקן. עס פלעגט אים ציהען אין די פרייע גרינע פעלדער, אין די געדיכטע פאַרצווייגטע וועלדער, וואָס זיינען געווען אַזוי פיל אַרום זיין שטעטל; ער פלעגט ליב האָבן צו שפּאַצירן צווישן די שטיל שושקענדיקע שאָקלענדיקע זאַנגען ווייץ און קאָרן; צוקוקן זיך, ווי שיינענדיקע זילן שטראַלן ברעכן זיך דורך צווישן דעם גרינעם יַם בלעטער אויף די רירעוודיקע צווייגן פון די הויך געוואַקסענע ביימער; אויסציהען זיך אויף גרינע מיט בלומען געשטיקטע קאָווערן און מיט אַ ווייך געשפּרענקלט קישעלע פון מאָך צוקאָפּנס. אַ מילד וואַרים ווינטעלע פלעגט אים קושן, גרייזלען אים די האָר, און ער פלעגט זיך מיט גרויס געפיל צוהערן צו די שיינע טרעלן פון דעם כאַלאָווי, צו דעם ציזיק, דעם שטיגליץ מיט דער גאַנצער חברה וואַלד-משוררים. בשעת חען פון דערווייטנס האָט זיך אָפּגערופן אַ מעקן פון ציגן, אַ הירזשען פון פערד, פיטרנדיק זיך דאָרט אויף דער פּאַשע, און עפּעס ווי אַ שופר-בלאָזן פון קיה. פייגעלאַך זינגען, שפּרינגען אויבן אויף די ביימער; באַבעטשקעלאַך געפּוצט-געצירט ווי אויף אַ באַל דרייען זיך, טראָגן זיך אין דער לופט; גרילן, היישעריקן שמוצערן, טאַנצן, הייבן פיסלאַך אויף דער ערד אונטן, — עס איז אַ לעבעדיקע וועלט. און שלומקע, וואָס איז בטבע געווען אַ הייסבלוטיקער, פלעגט אויש צושמאָלצן חערן פאַר הייסע זיסע געפילן און ער פלעגט זיך צוגיסן אין אַ טרעלעליקען — אין אַ ניגונדל פון זמירות, אין אַ ווייגענדיקס צו באַדעקנס, אָדער געזאָגט „בּרכי נפשי“ הויך אויף אַ קול, צוקייענדיק איטלאַכם וואָרט, און געפילט דערביי עפּעס נאָר אַ באַזונדער טַעַם.

## ב.

דערווײלע האָט זיך דאָס רעדל בײַ שלום-יעקבס פֿאָטער איבערגעדרייט און זײַנע געשעפֿטן זײַנען געוואָרן געשלאָגן. אין שטעטל איז געווען אַ שווערע צײַט דאַמאָלסט, דער עולם האָט גענומען עסן ווינציקער פֿלייש און די טאַקסע האָט אָנגעהויבן צו גיין שלעכט. אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן דחקות, און די נויט האָט זיך וואָס ווײַטער מער געשטאַרקט. פֿאַר גרויס צער איז דער פֿאָטער קראַנק געוואָרן און גיך פֿון דער וועלט געגאַנגען אין אַן עלטער פֿון איין און פֿערציק יאָר.

די מוטער האָט באַלד דערפֿילט דעם טעם פֿון עלנט, פֿון דלות, ווי שלעכט ס׳איז צו זײַן איר — אַ פֿאַרלאָזענע, אָרימע אַלמנה און די קינדער — פֿאַרוואָרלאָזטע יתומים; זי האָט זיך נעבאַך געמוטשעט מאַכן הארץ און אויסקוויטשן דאָס ליבסטע קינד אירס. דאָס עלטסטע צווישן די קינדער, שלומקען, לערנען אין אַ שטעטל, כּדי ער זאָל זיך ניט אַרומדרייען פּוסט און פּאַס און זאָל מאַכן ניט זײַן אַן איבעריקע מַשָׂא אויף דער אָרימער אַלמנה.

אָט ווי שלום-יעקב האָט גרויסערהייט באַשריבן דאָס דאָזיקע שטעטל און זײַן לעבן דאָרטן:

„אויף אַ גלײַכן פֿרײַען פֿעלד, אַ גרין, צען ווערסט־לאַנג פֿון קאַפּוליע, וואַרפֿט זיך אין די אויגן נאָך פֿונדערווײַטנס עפּעס אַ שטיקל ישוב, אינגאַנצן גרויס ווי אַ נענעץ. אַרײַנקומענדיק אַהער, דערקענט מען באַלד, אַז דאָס איז אַ ייִדיש שטעטל. אַ סימן דערויף האָט מען אין דעם מאַרק מיט קלייטן, אין דעם שולהויף, וואו עס געפֿינט זיך אַ שולכן מיט אַ בית-מדרשל, און אין דער באָד להבדיל מיט אַ מקווה.

טינקעוויץ הייסט דאָס שטעטל! עס זיינען אין אים דאָ עטלאַכע מנינים יידן.

און צו די עטלאַכע מנינים איז אין אָנהייב זומער צוגעקומען נאָך אַ נפש, אַ בחור'ל, אַ פרעמדער, וואָס זיצט דעם גאַנצן טאָג אין בית-המדרש און לערנט.

איז דען טינקעוויץ אַ מקום-תורה? געפינט זיך דען דאָרט אַ ישיבה? — ניין און נאָכאַמאָל ניין! די יידן וואָס דאָרט באַדאַרפן פרנסה, קוים אָפּגעראַוונט, בלייבט דער בית-המדרש ליידיג, דער שולהויף אָפּגעראַמט, ניטאָ קיין פוס פון קיין מענטשן, גלייך ווי אויסגעשטאָרבן; דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, דער — אַהיים, יענער — אין מאַרק, איטלאַכער צו זיינע געשעפטן.

ניט דער תורה צוליב איז שלומקע פון דער פרעמדער אַהער געקומען. ער איז געקומען גאַנץ פּשוט צוליב דעם עסן, צוליב דעם טעג-עסן — דאָס הייסט, ביי יעדן פון די שטאָט-בעלי-הבתים צו עסן אַ באַשטימטן טאָג אין דער וואָך.

ווי אַ פינסטערער וואָלקן ליגט דער יתום אויף שלומקען, ליגט אויף אים און אין אים אינגאַנצן. אים איז אָפּגעשטאָרבן אי דער פאָטער אי די וועלט מיט אים אינאיינעם. אינגאַנצן די נאַטור, מיט איר ערד און היכל, מיט פעלדער און וועלדער, מיט זון, לבנה און שטערן — איז פאַר אים טויט. עס רעדט ניט צום האַרצן, עס שמייכלט ניט, עס קיצלט ניט, עס ציהט צו זיך ניט צו, וועקט ניט קיין געפילן, גאָר ניט דאָס, וואָס פריהער.

שאָקלענדיק זיך איבער דער גמרא מיט אַ שטילן אומעטיקן ניגונדל, פאַרברענגט שלומקע אַליין די צייט אין דעם ליידיקן בית-המדרש. אַז ס'ווערט אים נמאס צו שאָקלען זיך, זיצט ער דאָרט אויף דער באַנק פאַרגליווערט, אויסשטעלנדיק אַ פּאָר אויגן, קיין ריר זיך ניט צו טאָן, אָדער ער נייט אַרויס אויפן שולהויף, וואו חוץ אים ניטאָ קיינער,

שטייט, נענעצט, קוקט פאַרגליווערט אין איין זייט, נים צו וויסן, וואָס און וואו ער איז. אַ פאַרשייטע פליג, אַ זלידנע, קומט זשוזשענדיק, שטעלט זיך אים אויפן שפּיץ נאָז — און עס זאָל דאָס אים אַרען! אַ גאַנער מיט זיין פּעקל קליינוואַרג טוט זיך אַ וויין אויפן שולהויף, שטרעקט אויס באַלד ביים אַריינגאַנג דאָס העלזל און גאַנאַטשעט אָפּ אַ „מַה־ניבו" בלשון גענזיש — און עס זאָל דאָס אים אָנגיין! בהמות, ציגן לויפן שוין פוגעם פעלד, אויפהייבנדיק זיילן שטייב און דאָס קול פוגעם בוהאַי לאָזט זיך הערען פון איין עק ביז דעם אַנדערן עק שטעטל — און ער זאָל זיך עם אַ ריר טאָן! ער שטייט, שטייט, ביז דער שַמָש קומט אָן, ניסט אָן וואַסער אין האַנטפאַס, הענגט אויף דעם אויסגעטריקנטן האַנטאַך און דערמאָנט אים, אַ ציה געבנדיק אים פון הינטן ביים אַרבל, אַז באַלד וועט דער עולם זיך פאַרקלייבן צו מִנחָה.

ציטנווייז איז איף שלוכקען אָנגעפאַלן אַ בענקעניש נאָך דער היים, נאָך דעם שטעטל, נאָך אַלצדינג, וואָס אַמאָל דאָרט אין די גוטע יאָרן. ער זיצט איבער דער גמרא איינער אַליין אין בית-המדרש, ער בענקט, איז פאַרטיפט אינווייניג אין זיך און פאַרטראַכט. דאָס גאַנצע שטעטל קאַפּוליע מיט די הייזער, מיט די מענטשן דאָרט און מיט דער גאַנצער נאַטור אַרום און אַרום קריכן אַרויס ווי טויטע פון די קְבָרים און קומען איינע נאָך די אַנדערע צו אים אין חָלום. עס קומט די קוזיניע, וואו ער פלעגט אַזוי האָלט האָבן צו זיצן, מיט איר הורזיען, מיט איר בלאָזן און מיט אירע זיילן פייער. עס קומט אַ אויסמישעניש — מענטשן באַקאַנטע, עופות און בהמות להבדיל. עס קומען זאַנגען ווייץ און קאָרן. זיי שושקען זיך און טראָגן אים אונטער, בוקנדיק זיך מיט די קעפּלאַך, זיסע פעלד-רֵיחות. עס קומט האָפּערדיק דער אַלטער באַיאָרטער וואלד, באַ-

לייט פון א קאפעליע שפילפיינעלאך, און איז אים מכבד מיט רויטע און שווארצע יאגדעס. אויך די זון ווינקט צו אים פריינדלאך אראפ פונעם בלויען הימעל, אונטער־ווארימענדיק אים, מאכט אים אָן עפּעס א חשק און ציהט אים ערגעץ אהין, אין די שיינע ערטער — אויף בערג און אין טאָלן.

און בשעת אזא בענקעניש טוט זיך שלומקע מיט אמאָל א כאפ אויף, לויפט צוקאכט עפעס פון בית־המדרש און לאָזט זיך גיין געשווינט מיט דעם וועג אהיים, אהיים. נאָר אינמיטן וועג קומען אים ארויף אויפן געדאנק די צָרות אין דער היים. די מאמע נעבאך דארבט, ארבעט איבער די קרעפטן, ווי עס איז ארויסצוברענגען דאָס טרוקענע שטיקל ברויט, די קינדערלאך נעבאך דארן, קווארן, קומען נעבאך אָפּ. און שלומקע שטעלט זיך פלוצים אָפּ, באוואשט זיך מיט טרערן און קערט זיך אום פאמעליכן, אראפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, צוריק אין בית־המדרש אריין.

נאָר איינמאָל סליחות־ציים איז די בענקעניש זיינע געווען גרויס א שרעק, און די פאנטאזיע האָט זיך אים שטארק צושפּילט. עס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט די דאָזיגע צייט מיט די אַלע יָמים־טובים און מיט דעם גאנצן טואכץ דענסטמאָל, ווי דער שטייגער איז תָמיד געווען אין דער היים. עס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט די יָמים־נוֹרָאִים־טעג, מיט די ישובניקעס, וואָס פאָרען אריין אין שטעטל, און מיט דעם גאנצן טאראראמען זיך דענסטמאָל; דער פריילא־כער יום־טוב סוכּות; אויך די שִׂמחַת־בֵּית־הַשׁוֹאֵבָה־נעכט אין בית־המדרש, אין קלויז, ווי מען איז מְכַבֵּד מיט א פָּסוּק פון אַתָּה־הָרְאֵיתָ, פון שיר־הַמַּעֲלוֹת, און נאָך איטלאכער שיר־הַמַּעֲלָה זינגען און טאנצן גרויס און קליין אלע אינ־איינעם, מען איז נאָך מַתִּיר אפילו נעמען דענסטמאָל אין מָקוֹם־קָדוֹשׁ א ביסל מַשְׁקֶה; היינט די הַקָּפוֹת מיט תּוֹרוֹת

און פאַנען אַרום בימה, די עליות און לעקאַך איםלאַכן — שׂמחת-תורה. פאַרשטעלנדיק זיך דאָס אַלצדינג, האָט ער זיך שטאַרק פאַרבענקט, און פאַר גרוים בענקעניש איז ער אַ צוקאַכטער אַרויסגעשפּרונגען פון בית-המדרש, וואו עס האָט געהערשט אַ אומעטיקע שטילקייט, ווי אין אַ ליידיק ניט באַוואוינטע הויז, און די פיס זיינען ווי פון זיך אַליין געלאָפן מיט אימפּעט אויפן וועג, וואָס פירט אַהיים, און פאַרשוויצט, פאַרסאָפּעט, אין איין אָטעם איז ער געקומען אין הויז צו דער מאַמען".

אָבער דער בּלות האָט אים באַלד ווידער פאַרטריבן פון דער טייערער היים זיינער. ער האָט זיך אַרומגעוואָגלט איבער די ישיבות פון פאַרשיידענע שטעטלאַך און האָט אויך געלערנט אַ געוויסע צייט אין ווילנע, וואָס אַהינצו האָט אים אַרויסגערופן זיינער אַ קרוב נחום-חיים בּרוידע. (בּרוידע איז טאַקע פריהער געווען שלום-יעקבס פאַמיליע; ערשט דערנאָך האָט ער זיך משנה-שם געווען אויף אַבּראַמאָוויטש).

אין ווילנע האָט שלום-יעקב געלערנט ביי רב סענדערל אין ר' מעלה'ם ישיבה און אויך אין נאָונם קלויז, געלערנט גאַנצע טעג און אָפט אויך גאַנצע נעכט משמורים. אָבער דאָס לעבן אין דער פרעמד, דאָס שטענדיקע נע-נד זיין איז אים נמאס געוואָרן און ער האָט זיך ווידער אומגעקערט צוריק אַהיים.

פאַר דער צייט האָט זיין מוטער חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל; איר נייער מאַן האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ מיל אין דערפל מ ע ל נ י ק י.

דאָס דערפל איז געלעגן אַ צעהן ווערסטלאַך פון קאַ-פוליע, אַרומגערינגלט מיט גרויסע וועלדער, צווישן וועלכע עס האָט געפלייצט אַ היבשער, אַ שיינער טייך. אויף איין זייט טייך האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן גרינוואַרג און

בײמער א דרײַ קלײנע הײַזלעך פאַר דרײַ פּויערשע פאַמיליעס, די אײנציקע אײנוואוינער דאָרט, און אויף דער אַנדער זײַט איז געשטאַנען אײנאײנציקע שטוב פון קילאָבדיקע ברעווענעם מיט קלײנע פענסטער און א הויכן אַלטן דאַך. דאָרט איז געזעסן שלום-יעקבס שטיפטאַטע, דער אַרענדאַר פון דער מיל, מיט זײַן הויזגעזינד. אינגאַנצן האָט דאָס דערפל אויסגעזעהן ווי א נעסט, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין א ווינקל, אָפּגעריסן פון דער וועלט, ווײַט פון מענטשן און פונעם טראַקט; נאָר קלײנע שמאָלע וועגלאַך האָבן זיך געשלענגלט דורך דעם וואַלד דורך טאָלן און בערגלאַך און געפירט צו דערפער, וואָס זײַנען געלעגן צווײַט אַרום און אַרום. מענטשן זײַנען דאָרט געווען זעלטן, עס האָט ניט געבעשט, ניט געקאָכט ווי אין שטעט, דערפאַר האָט דאָרט געשווירבלט און געגריבלט אין די וועלדער, אין די זומפּן און פעלדער פון אַלערלײ באַשעפעניש, חיות און עופות; דערפאַר האָבן זיך געלאָזט דאָרט הערן אַלערלײ קולות: א געזאַנג פון פײגל, א קראַקען, א קוואָקען, א שמוצערן, א גרילצן — זומער, א וואָיען, א הײלען פון הונגעריקע וועלף ווינטער, און אַמאָל א ברומען פון א פאַרבלאָנדזשעטן בער אויך — און אין דעם דאָזיקן קאָנצערט פלעגט זיך פאַרטראָגן א רוישן פונעם וואַסער בײַם אַראָפּפאַלן אויף די רעדער, א קלאַפּן, א מאָלן פון דער מיל.

אָט אין דעם דאָזיקן שטילן שײנעם ווינקעלע, נאָהענט צו דער נאַטור, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, האָט זיך באַזעצט שלום-יעקב נאָך צווײ יאָר אַרומוואָגלעניש אין ישיבות, נאָך אַן עלנטן לעבן אין חקות און ענגשאַפט. דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט א גאַנצן האַרבסט און ווינטער. פאַרטאָג פלעגט ער אויפשטײן לערנען גמרא פאַר זיך און בײטאָג געלערנט מיט דעם שטיפטאַטנס קינדער. דאָ האָט ער אויך אָנגעהויבן צו שרײַבן שירים און אַנדערע זאַכן,

געוויינטלאך מיט פעלערן, ווארים ווער עס זאל אים ווייזן, איז ניט געווען אין דעם פארוואָרפענעם העק.

און אַז ס׳איז געקומען דער פרילינג, ס׳איז ווארים געוואָרן און אומעטום האָט אָנגעהויבן צו וואקסן און צו שפּראָצן, האָט ער גענומען אַרומבלאָנדזשען איינער אַליין איבערן וואַלד, אָפּט פאַרטיפט אין אַ ביכל, אָבער נאָך אָפטער פאַרטראָגן און שטאַרק פאַרטראַכט. פּטרן זיינע יונגע יאָרן אין דאָרף ביים שטיפפאָטער האָט ער שוין מער ניט געקענט; פאָרן וואַלגערן זיך אין די ישיבות, שווארצן דאָס פּנים, עסן טעג האָט ער אויך ניט געוואָלט. און ניט ווּנדיק, וואָס צו טאָן, איז ער גלייך נאָך פּסח אוועק צוריק אין זיין געבוירנשטעטל, אין זיין קלויז, וואו ער האָט געהאַט אַלע זיינע ספרים, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, און האָט זיך געזעצט ווידער דאָרטן לערנען.

דערווײַלע איז ער שוין געוואָרן אַ 17-יאָריקער בחור, מיט שוואַרצע געגרייזלטע האָר און מיט ברענענדיקע אויגן. קיין גרויסער תּכלית האָט פון אים אין דעם אָרימן פאַרוואָרפענעם שטעטל ניט געקאָנט ווערן; אַלע ספרים האָט ער שוין דאָרטן געקענט אויף אויסווייניג. און אַן אומעטיקער האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער קאַפּוליע, ברעכנדיק זיך דעם מוח, טראַכטנדיק, וואָס וועט זיין מיט אים דער סוף.

---

אין דער ליטע איז דאַמאָלסט געווען אַ גרויסער הונגער, די תבואה איז ניט געראָטן, דער יקרות איז געווען שרעקלאַך גרויס און מען איז געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען פֿאַר אַ שטיקל ברויט.

אין יענער ביטערער צייט גראָד איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אין כערסאָנער גובערניע מאַכן ייִדן קאָלאָניעס, דאָרט איז פּשוט אַ גן־עדן, און צווישן דעם עולם איז דעמאָלט אויסגעגאַנגען אַ לידל, וואָס יונג און אַלט האָבן עס געזונגען. אָט איז דאָס לידל:

האָט איר געהערט דאָס לאַנד כערסאָן,
ניט ווייט פֿון פֿעטער ישמעאל?
פֿון פֿויגלמילך איז דאָרט פֿאַראַן,
פֿאַר ייִדן ארץ־ישׂראל.
אַ פּיים אַ ציג, אַ שאָף אַ דרייער,
אַ הון, אַ אינדיק האַלב אומזיסט;
אַלצדינג בזיל־הזול, קיין זאַך ניט טייער
און תבואות דאָרטן — פֿול ווי מיסט.
דאָס לאַנד איז גוט און וואויל אַ וואונדער;
אויב לעבן, ברידער, ווילט איר פֿיין,
פֿאַרנעמט די קלומקעס, ווייב און קינדער
און לאָמיר עולה־רגל זיין!

און אַ סך ייִדן האָבן געטראַכט אויסצוּוואַנדערן אַהינצו.

דאַרף זיך מאַכן, אַז קיין קאַפּוליע קומט פּלוצלונג צו פֿאָרן אַ ייִד, אַבֿרהמל דער הינקעדיקער האָט מען אים גערופֿן; ער איז פֿריִער געווען אַ שטעטלדיקער און האָט לאַנג אַרומגעוואַנדערט אין פֿרעמדע מקומות אין דרום־רוסלאַנד. אַ סך חידושים האָט ער זיך אָנדערציילט פֿון דאָרטן, ממש ניסים.

„וואָלין"*)—האָט אַברהמל דער הינקעדיקער דערציילט
אין אַ געבענטשט אָרט, מיט אַלעם גוטן. חלות און קיטקעס
עסט מען דאָרטן אפילו אומדערוואָכן, וויין טרינקט מען
דאָרטן ווי וואַסער; היינט זייער ראָסלפלייש, קנאַבל,
פּראַקעס, פּאַלירטשיקעס איז אַ מאכל מלכים!"

אַברהמלס וואונדערלאַכע דערציילונגען וועגן דעם גליק-
לאַכן לאַנד האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף שלום-
יעקבן. אים האָט געצויגן אַרויסצורייסן זיך פון דעם קליינעם
פאַרוואָרפענעם שטעטל אין דער גרויסער וועלט אַריין,
וואו ער וועט קאָנען זיך לערנען ווייטער, פאַרברייטערן
זיינע קענטעניסן.

אַברהמל האָט אים צוגעגעבן מוט און חשק, פאַרזיכערט
אים, אַז אַזאַ קענער ווי ער איז דאָרטן אין וואָלין גאָר
אַ זעלטנקייט; מ'וועט אים אויסכאַפּן ווי אַן אֶבן-טוב,
געבן אים די בעסטע שטעלע פון אַ לערער אָדער פון אַ
נאמן אין אַ גרויסן געשעפט וכדומה.

קיין באַנען זיינען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען אין יענע
מקומות און מ'האָט געמוזט פאָרן מיט דער אַקס. אַברהמל
האָט געהאַט אַן אייגן וועגעלע אויף פיר ניט געשמידטע
בקריפעדיגע רעדער און אַן אַלטע בלינדלאַכע קליאַטשע
מיט אַן אויסגעקראָכענער גריווע און אַ אָפּגעראַר טן עק.
און אויף דעם דאָזיקן וועגעלע האָט שלום-יעקב באַשלאָסן
זיך אַוועקצולאָזן אין ווייטן וועג אַריין. צוזאַמען מיט אים
איז אויך געפאָרן זיינע אַ מומע, זוכן איר מאַן, פון וועלכן
זי האָט שוין לאַנג קיין שום ידיעות ניט געהאַט.

ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, האָבן אונזערע וואַנדע-
רער, ווי נאָר אַרויסגעפּטרט דעם פסח, זיך אויסגעריכט

*) וואָלין האָט דאַמאָלסט בײַ ייִדן געהייסן ניט נאָר די וואָלינער
גובערניע, נייערט אויך פּאָדאָליע, בעסאַראַביע, דער גאַנצער דרום-
רוסישער קאַנט.

אין וועג, ביטער האָט געוויינט שלום-יעקבס שוועסטער, זעגענענדיק זיך מיט איר ליבן געראָטענעם ברודער. זי האָט אים געגעבן מיט זיך אַ שוואַרץ לעבל ברויט און עטלאַכע קופּערנע מטבעות, אָנגעוואונטשן אים אַ פולע ברכות, אַז ער זאָל אויסוואַקסן אַ גרויסער לייט, און האָט אים מיט הייסע טרערן אַרויסגעלאָזן פון אירע אָרעמס. און אָט אַזוי האָט דער זיבעצניאָריקער אַבראַמאָוויטש, ווי ער שטייט און גייט, אָן שום הכנות און אָן שום מיטלען, אויף אַלעמאָל זיך צושיידט מיט דעם שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און וואו ס'איז אַריבער זיין קינדהייט און יוגנד.

באַלד פון אָנהייב אָן, פון ערשטן טאָג פאָרן, האָט ער שוין דערפילט, וואָס פאַר אַ ביטערע נסיעה אים שטייט פאָר. אין דעם קליינעם וועגעלע זיינען געזעסן די מומע מיט איר קליין קינד און ער מיט אַברהמלען האָבן זיך געמוזט נאָכשלעפּן צופוס. וואָלט דאָס נאָך געווען אַ האַלבע צרה, ווען דער וועג וואָלט זיין אַ גלייכער און אַ טרוקענער. די מעשה איז אָבער געווען פרילינג-צייט, די בלאָטע איז געווען גרויס, און אַלע ווײַלע פלעגט דאָס וועגעלע זיך פאַרהאַקן אין דער געדיכטער לײַמיקער ערד און די קליאַטשע האָט עס מיט אירע כוחות ניט געקענט אַרויסשלעפּן. אַברהמל פלעגט דאַן אַליין אונטערהעלפן דעם פערדל נעבאַך און פלעגט אונטערטרייבן שלום-יעקבן, אַז ער זאָל אויך ניט שטיין און קוקן מיט פאַרלייגטע הענט.

— מיין ניט, פלעגט ער צו אים זאָגן, אין אַזעלכע פאַלן, אַז איך האָב דיך מיטגענומען, זאָלסט זיין אַ פּריץ; ניין, ברודער-לעבן, דאַרפסט מיר העלפן, אַניט שווער איך דיר ביי מיין באָרד און פאות, אַז איך וועל דיך אַוועקוואַרפן אין דעם ערשטן וואַלד אָדער וומס. טענדלען זיך מיט דיר בין איך גאָר ניט מחויב.

שלום-יעקב האָט דערזעהן, אַז כּל-זמן ער קאָן זיך ניט באַפרייען פון זיין פירער, מוז ער אים פאָלגן, און אַז דאָס וועגעלע פלעגט איינזינקען, פלעגט ער שוין גלייך ניט גערעדט, אונטערשטעלן זיינע דאַרינקע אַקסלאַך.

יאָ, שלום-יעקב מיט זיין מומען זיינען נעבאַך מיאוס אַריינגעפאַלן. אַברהמל איז געווען אַ שנאָרער און אַ אָפּנאַרער און אומעטום פלעגט ער זיך אָפּשטעלן בעטלען נדבות, כּלומרשט פאַר דער אָרימער ווייסטער עגונה, וואָס פאָרט זוכן איר מאַן. אין דער אמתן אָבער האָט דער הינקעדיקער קנאַפּ וואָס זיי אין זינען געהאַט און זיך אַפילו ניט געזאָרגט, אַז זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן אין וועג.

אַזוי האָבן זיי זיך חדשים נאָכאַנאַנד געשלעפּט איבער שטעט און שטעטלאַך דורך ליטע, וואָלין, אוקראַינע און פּאָדאָליע, ביז זיי זיינען אָנגעקומען ניט ווייט פון קאַמעניץ, אַ שטאָט אין פּאָדאָליע וואָס ליגט זעהר אין אַ שיינער געגנד ביי אַ הויכן פעלזיקן באַרג.

שפּעט ביינאַכט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער אין אַ פוסטער קרעטשמע, ווייט פון שטאָט, אַ מין חורבה אָן טירן און אָן פענסטער, וואָס קיין מענטשן האָבן דאָרטן ניט געוואוינט אפשר הונדערט יאָר. פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, דער הימל האָט זיך געעפנט, דער רעגן האָט געגאָסן ווי פון אַ צאַפּן, די גאַנצע קרעטשמע איז געשוואומען אין וואַסער, אָט-אָט, האָט זיך געדאַכט, וועלן אַלע דערטרונקען. אין אַזאַ מינוט האָט דער בעטלער גענומען סטראַשען שלום-יעקבן, אַז אויב ער וועט זיך פאַרעקשנען און ניט ווערן קיין חתן פאַר דער כּלה, וואָס ער האָט אים אויסגעזוכט אין דער שטאָט קאַמעניץ, וועט ער אים איבערלאָזן אַליין אויף הפקר אין דער פרעמד און זיין פאָר וועט ער פאַרהאַלטן פאַרן פורגעלט.

שווערע ביטערע שָעהן האָט שלום-יעקב איבערגע-
לעבט, א גאַנצע נאַכט האָט ער קיין אויג ניט צוגעמאַכט
און אַלץ געטראַכט: וואָס טוט מען? פּלוצלונג האָט ער
זיך דערמאָנט, אַז אָט אין דער שטאָט טאַקע דאַרף זיך
געפינען א חבר זיינער פון קאַפּוליער קלויז, וואָס איז
צוריק מיט עטלאַכע יאָר אַוועק פון דער היים און איז
געוואָרן — ווי מ'האָט נאָך אין שטעטל דערציילט — אַ משורר
ביים קאַמעניצער חזן פון דער גרויסער שול. און ווי נאָר
ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט ער זיך איינער אַליין אַוועק-
געלאָזט אין דער שטאָט אַריין זוכן זיין געוועזענעם חבר.
לאַנג האָט ער זיך געבלאָנקעט איבער גאַסן און געסלאַך,
ביז ער האָט זיך דערפרעגט צו דער דירה פון דעם
באַרימטן חזן. מיט א קלאַפּעדיקן האַרצן און א ציטער-
דיקער האַנט האָט ער געעפנט די טיר. אַ באַטאָגטע
בעל-הבתיש אָנגעטאָנענע יידינע האָט אים באַגעגנט און
דערציילט, אַז זיין חבר איז טאַקע אַ משורר ביים חזן,
אָבער דער חזן מיט אַלע משוררים זיינען אַוועקגעפאָרן
איבער דער מדינה און וועלן קומען ערשט אויף ימים-
נוראים. שלום-יעקבס לעצטע האָפענונג האָט געפּלאַצט!
מיט אַ ביטער האַרץ און אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, א הונגע-
ריקער און א דורכגעווייקטער האָט ער זיך אומגעקערט
צוריק אין קרעטשמע. אברהמל האָט אים גוט מכבד געווען
פאַר זיין פאַרפאַלן ווערן — דער שוואַרציאָר ווייסט וואוהין —
און מ'האָט זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

אַ געדיכטער קילער רעגן האָט געגאָסן און אויפ'ן
האַרצן שלום-יעקבן איז געווען פינסטער ווי דער הימל אין
דרויסן. ער האָט שוין שיר ניט פאַרלוירן יעדווידער האָפע-
נונג אויף בעסערע צייטן. אומעטיק האָט ער זיך נאָכגע-
שלעפּט איבער דער בלאָטע נאָך דעם פערדל נעבאָך,
וואָס האָט זיך געמאַטערט מיט אַלע כּוחות צו ציהען דאָס

וועגעלע מיט דער אָרימער פרוי און איר דורכגענעצט-ן עופעלע. אים האָט שוין פאַרדראָסן די גאַנצע מעשה, וואָס ער האָט געגלויבט דעם הינקעדיקן שנאָרער, און ער האָט-פאַרשאָלטן די שעה, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן פון קאַ-פוליע. אָבער פּלוצלונג, גאָר אומגעריכט, איז געקומען זיין ישועה דורך אַ פערדישע פּאָדקעווע.

— גיב נאָר אַ זוך די פּאָדקעווע, דער פערד האָט זי-ראָ ערגעץ אָנגעוואָרן, — האָט אברהמל אַ געשריי געטאָן צו שלום-יעקבן.

שלום-יעקב האָט זיך געלאָזט זוכן די פּאָדקעווע. ביי אַ האַלב שעה האָט ער זיך געריעט אין דער בלאָטע, איז אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג אויף צוריק, האָט זי אָבער ניט געקענט געפינען. מיט ליידיקע הענט האָט ער זיך געמוזט אומקערן צוריק.

פּלוצלונג דערזעהט שלום-יעקב — אַנטקעגן פאָרט אים אַ פּוילישע ברישקע מיט פיר פערד, פול אָנגעפּאַקט מיט הֶברֶה יונגעלייט, וואָס לאַכן און זינגען. ער שטעלט זיך אָפּ אַ קוק טאָן אויף דער פריילאַכער קאָמפּאַניע, ערשט איינער גיט אים אַ רוף ביים נאָמען: „שלומקע! שלום-יעקב קאַפּוליער!" און באַלד טאַקע שטעלט זיך די ברישקע אָפּ און פון דאָרט קריכט אַרויס אַ יונגערמאַן, וואָס פאַלט אים אויפן האַלז. דאָס איז געווען דער חבר זיינער, וואָס ער האָט אים געזוכט; דאָס האָט ער זיך איצט אומגע-קערט מיטן חזן און אַלע איבעריקע משוררים קיין קאַמעניץ. אין קורצן האָט שלום-יעקב אויסדערציילט דעם חבר זיינע צרות, און יענער האָט געפּועלט ביים חזן, ער זאָל אים אויסלייזן פון אברהמל דעם שנאָרערס הענט און מיטנעמען אים קיין קאַמעניץ.

אַזוי האָט זיך געענדיגט זיין לאַנגע שווערע נסיעה, אויף וועלכער דער יונגער שלום-יעקב האָט זיך גענוג

אנגעזעהן פון דעם יידישן לעבן אין אַלע ערטער, וואָס ער איז דורכגעפאָרן, און האָט עס נאָכדעם באַשריבן אין זיינע ווערק.

---

## ד.

דער חזן איז געווען אַ מענטש מיט אַ וואַרים יידיש האַרץ. ער האָט געזעהן, אַז דער בחור זאָל שוין ניט ליידן מער קיין נויט. ער האָט אים אַוועקגעפירט אין גרעסטן בית-המדרש, וואו ס'איז געווען זעער אַ סך ספרים און ס'האָבן געדאַוונט די שענסטע לייט פון שטאָט. שלום-יעקב האָט שטאַרק ביי זיי אויסגענומען; זיי האָבן דערזעהן, אַז ער קאָן זעער גוט לערנען, האָבן זיי אים פאַרבעטן פאַר אַ לערער צו זייערע קינדער און אים דערפאַר גוט באַצאָלט.

אין יענעם בית-המדרש איז אויך געזעסן און געלערנט אַ פרומער און בכבודיקער ייד ר' אברהמצי. דער אַלטער האָט זעהר ליב באַקומען דעם ליטווישען בחור, און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער קענער, האָט ער אים געגעבן אַן עֵצה אַריינצוגיין צו דעם יידישן שרייבער אברהם-בער גאָטלאָבער, וועלכער האָט געוואוינט אין קאַמעניץ.

גאָטלאָבער האָט גלייך דערקענט, אַז אין דעם יונגען ליטווישן בחור שטעקט אַ גרויסער כּוח, און ער האָט אים זעער פריינדלאַך צוגענומען. באַלד איז שלום-יעקב געוואָרן אַ גאַנצער בֶּן-בַּיִת דאָרטן. ביי גאָטלאָבערן האָט ער געפונען אַ גרויסע ביבליאָטעק און ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען די ביכער מיט גרויס הַתְמָדָה. גאָטלאָבערס עלטערע טאָכטער האָט מיט אים געלערנט רעכענען, רוסיש און דייטש, וואָס ביז אַהער האָט שלום-יעקב דערפון קיין שום הַשָׂגָה ניט געהאַט.

אין אַ פּאָר יאָר האָט ער געהאַט אַזאַ פּעולה אין די ביע קענטעניש, אַז אין יאָר 1856 האָט ער שוין אָפּגע־געבן עקזאַמען אויף לערער און איז געוואָרן אַ לערער אין אַ קאַמעניצער שול. ער האָט אָבער אַלץ ניט אויפגעהערט ווייטער צו לערנען, כּדי נאָך מער צו דערגיין אין אַלע וויסנשאַפטן.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער אַריבערגעפאָרן קיין בערדיטשעוו, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכ־טער פון אַ אָנגעזעהענעם ייִדישן נאָטאַריוס זלמן לעווין. אַרום יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן ווערק אויף לשון־הקודש און אויף ייִדיש און איז אינגיכן געוואָרן איינער פון די גרעסטע שרייבער בײַ ייִדן.

עטלאַכע יאָר האָט אַבראַמאָוויטש אויך געוואוינט אין זשיטאָמיר, וואו ער האָט ווייטער געלערנט, געקראָגן פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול סמיכות אויף אַ ראַבינער און ווייטער געשריבן.

אין יאָר 1881 האָט ער זיך באַזעצט אויף אַלעמאָל אין אָדעס. דאָרטן איז ער געווען אַ משגיח אין דער שטאָט־תלמוד־תורה. אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט אַרויסצוגעבן זײַנע טייערע ווערק, וואָס דורך זיי איז ער באַרימט גע־וואָרן אויף דער גאַנצער וועלט. וואָרים ביז אים איז נאָך בײַ ייִדן קיינמאָל ניט געווען אַזאַ גרויסער שרייבער, וואָס זאָל אַזוי גוט און אַזוי לעבעדיק און אין אַזאַ זעלטענער שפּראַך אָפּשילדערן און אָפּמאָלן דאָס לעבן פון די ייִדן.

דאָרטן, אין דער שיינער דרומדיקער שטאָט, בײַם ברעג פון שוואַרצן ים, האָט אַבראַמאָוויטש געלעבט לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד, אַרומגערינגלט פון נאָך באַרימטע ייִדישע שרייבער, ווי למשל מנשה מרגליות, שמעון דובנאָוו, אַחד־העם, בן־עמי, י. ח. ראַבניצקי, ח. נ. ביאַליק, שלום־עליכם און אַנדערע; זיי אַלע האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כּבוד, זיך

געלערנט ביי אים, ווי אזוי מ'דאַרף שרייבן יידיש און העברעאיש, געקוקט אויף אים ניט נאָר ווי אויף דעם עלטסטן צווישן זיי, נאָר אויך ווי אויף דעם גרעסטן, קלינגסטן, נע־ניטסטען, וואָס האָט זיך שוין אזוי פיל אָנגעזעהן אין זיין לעבן און עס אזוי גוט באַשריבן; און דער יינגערער שלום־עליכם האָט אים פאַר גרויס ליבשאַפט און פאַר גרויס דֶרֶך־אֶרֶץ א נאָמען געגעבן דער זיידע, און דער דאָזיקער נאָמען איז אָנגענומען געוואָרן ביים גאַנצן יידישן פאָלק, ביי אלע יידן.

זיי פלעגט מענדעלע וואוינען אויף דער פרישער לופט, אויף א דאַטשע ווייט הינטער דער שטאָט, אויפן „גרויסן פאָנטאַן", ביים ברעג פון שווארצן ים. ער איז שוין געווען אן אלטער מאַן, אָבער לעבעדיק און פריש אזוי ווי אן אנדער יונגער. זיין גרויסע ליבשאַפט צו דער נאַטור האָט אים קיינמאָל נים פאַרלאָזן. אלע טאָג, אפילו ביי דעם ערגסטן וועטער, פלעגט ער מאַכן שפּאַצירגענג אויף גאַנצע שָעהן, נייגיריק זיך צוקוקנדיק צו איטלאַכס פעלד־בלימעלע און גרעזעלע, צו יעדן פייגעלע און זומער־פליגעלע.

וועגן איינעם אזא שפּאַציר דערציילט שלום־עליכם אזא מעשה:

„אין א שיינעם זומערדיקן טאָג איז צו מיר געקומען צו גאַסט דער זיידע מענדעלע און זיין נושא־כּלים י. ח. ראַבניצקי. אויסגעבאָדן זיך אינעם שווארצן ים, וואו דער זיידע האָט אונז באַוויזן, וואָס הייסט שווימען צו זעכציק יאָר און וואָס הייסט מאַכן קונצן אויפן וואַסער, האָבן מיר גענומען די פיס אויף די הענט און געמאַכט א שפּאַציר וויים־ווייט און בעת מעשה האָט אונז דער זיידע דערציילט מַעשיות מיט מעשיות, מיר האָבן געהערט און געוואונדערט זיך און געקוואָלן און געקליבן נַחת ווי אמתע גוטע געטריע איניקלאַך. פּלוצים שטעלט זיך דער זיידע אָפּ:

— מַה נָאֶה אִילָן זֶה — וואָס זאָגט איר אויף דעם בוים?

„מיר הייבן אויף די אויגן — אַ בוים שוין איינמאָל. אַ בוים! נישט אַזוי דער בוים, ווי די בערן! אַי בערן! בער־גאַמאָטן! קיילאַכדיקע, געלע, פעטע, זיסע, גלאַטע, ווייכע, הענגען אַראָפּ אויף גראָבע צוגעבראָכטע שטעקעלאַך, שיקן אַרויס פון זיך אַ רֵיחַ־ניחוֹחַ, קוקן אויף אונז פריינדלאַך, ווינקען צו אונז, בעטן זיך: „פּאַרדינט אַ מִצְוָה, יידישע קינדער, מאַכט אויף אונז שֶׁהֶחֱיָנוּ“... און הינטער דעם בוים — נאָך אַ בוים און נאָך אַ בוים — און אַלע אָפּגעשאָטן מיט בערן!

„אָהן ווערטער האָט דער זיידע אַוועקגעשטעלט אויף אונז זיינע שאַרפע קלוגע אויגן דורך די גלאַנצעדיקעברילן און מיט אַ שמייכל אויף די דינע באַוילבערטע ליפּן האָט ער אונז דורכגענומען דורך און דורך, ווי איינער רעדט: „קינדערלאַך, איר זייט בַּעֲלָנִים אויף די דאָזיקע בערן?“... און גלייך ווי מיר וואָלטן זיך אויפגערעדט פון פריהער אַלע דריי, איז געבליבן ביי אונז דער הֶסְכֵּם, אַז מיר גייען אין גאָרטן אַריין נאָך בערן.

„יידן האָבן ־פיינט לאַנג טראַכטן: וואָס בערן? ווער בערן? וועמעס בערן? געפונען אַ טויער, טרעטן מיר פּאַ־וואָלינקע אַריין אין אַ מַחֲיָהדיקן גאָרטן, שפּאַצירן איבער אויסגעפוצטע סטעזשקעס, געפלאַסטערט מיט קליינע יַם־שטיינדלאַך און באַצירט פון ביידע זייטן מיט אונטערגע־שוירענע ביימלאַך, אונטער וועלכע עס קוקן אַרויס שמע־קעדיקע בלומען, וואָס שמייכלען צו אונז און גריסן אונז גאָר פריינדלאַך... און מיר גייען ווייטער און ווייטער פלוצים... פון וואַנען האָט זיך גענומען, מיט אַן אימפּעט און מיט אַ הוק, און גלייך אויף אונז — אַ הונט. אָבער אַ הונט! אַ קאַלב, נישט קיין הונט, אַ לייב, אַ לעמפּערט! אַ געלע, גלאַנצעדיקע פעל, לאַפּעס ווייכע, קיילאַכדיקע ווי

ביי אַ טיגער. אַ מאָרדע אַ שוואַרצע, אַ נאַסע, נאָר אַ הֶנעוודיקע, ציין ווייסע, שאַרפע, אויגן רויטע, פייערדיקע, ווי ביי אַ גזלן. אַ פּאַרשוין אַ הינט, נאָר אַ הונט.

מיר ביידע, איך און מיין חבר ראַבניצקי, אַז מיר האָבן דערזעהן דאָס באַשעפעניש מיטן אָפענעם מויל גלייך אויף אונז, האָבן זיך אונזערע נְשָמוֹת אָפּגעטיילט פונעם גוף. אונזער ערשטער געדאַנק איז געווען—לויפן! ס'איז אָבער גוט צו לויפן, אַז ס'איז דאָ פיס. וואָס וועט איר טאָן, אַז די פיס האָט מען ביי אייך אונטערגעהאַקט אַקוראַט ביי די קנעבלאַך, און דאָס האַרץ הענגט ביי אייך אויף אַ פאָדים, און די האָר שטייען קאַפויר, און די אויגן—אָט־אָט שפּרינגען זיי אַרויס פון שטערן?

„און דער זיידע?—יענעם מאָמענט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ווי נאָר דער כֶּלֶב האָט געעפענט דאָס מויל אין אַ וואָרף געגעבן זיך אויף די איבערגעבליבענע נעסט, אַזוי האָט דער זיידע צוזייפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן, צוזאַמענגענומען די ליפן מיט אַ שמייכעלע, אַריינגעקוקט אַ ווײַלע דעם הונט אין די אויגן אַריין און אויסגעשאָסן אַ געלעכטער מיט אַ הילך. איך מעג שווערן, אַז דער כלב האָט פאַרשטאַנען דאָס געלעכטער. און ניט נאָר פאַרשטאַנען—ער האָט זיך געפונען ווי באַליידיקט. אַקעגן אַ האַלבע מינוט זענען זיי אַזוי געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און געקוקט זיך גלייך אין די אויגן אַריין. און אפשר נאָך ווייניקער ווי אַ האַלבע מינוט. נאָר ביי מיר האָט זיך עס געצייגן אַן אייביקייט. דאָס איז געווען אַ שווערער, אַ קריטישער מאָמענט. אַ מענטש און אַ חיה האָבן זיך באַגעגנט און געמאָסטן איינס דאָס אַנדערע מיטן קוק, ווער וועמען וועט נוֹבֵר זיין. נאָכדעם איז דעם הונט אַפָּנים נִבאָס געוואָרן די גאַנצע מעשה, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די פייערדיקע

גאָלדישע אויגן זײַנע, האָט געגעבן אַ נײַגעץ מיטן גאַנצן מײַל, זיך באַלעקט און אויסגעצויגן, אויסגעטרײסלט די גלײַך גלאַנצעדיקע פעל, זיך אויסגעקערעוועט צו אונדז נאָר אָן אַ שום דרך־ארץ מיטן הינטן און שמעקנדיק מיט דער נאָז זײַנע אײגענע טריט האָט ער זיך געלאָזט גיין זײַן וועג.

„יענעם טאָג האָבן מיר געגעסן באַרן, נים קײן שלעכטע באַרן, נאָר דאָס זײַנען געווען באַרן, וואָס מײַן ווײַב האָט געבראַכט צו פירן פון שטאָט״—אַזוי לאָזט איים שלום־עליכם אײנע פון זײַנע מעשׂיות וועגן רב מענדעלען.

---

ה.

אין יאָר 1905 נאָך דעם שרעקלאַכן פּאָגראָם איף די יידן אין אָדעס, איז רב מענדעלע מיט אַ צובראָכן האַרץ אַוועקגעפאָרן קײן שווייץ. ער האָט זיך באַזעצט אין זשענעווע און אין דער דאָזיקער ליבער שטילער שטאָט האָט ער זיך אַ ביסל באַרוהיקט פון די שרעקלאַכע אײנדרוקן, וואָס די צרות פון די יידן אין רוסלאַנד דאַמאָלסט האָבן איף אים געמאַכט. אין דעם שײנעם שווייצער לאַנד מיט זײַן פּראַכטיקער נאַטור, מיט די הױכע בערג, וואָס זײַנען באַדעקט מיט אײביקן שניי, האָט זיך זײַן גײַסט געשטאַרקט, ער איז עפּעס ווי יינגער, פעסטער געוואָרן, און אַז ער פלעגט דורכגײן די גאַס מיט זײַן שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ, פלעגט מען זיך אָפּשטעלן קוקן אויף זײַן שײנער געשטאַלט, אויף זײַן הדרת־פּנים.

אין זשענעווע האָט רב מענדעלע מער פאַר אַלץ ליב געהאַט די שײנע זשענעווער אָזערע. בײַ דער אָזערע געפינט זיך אַ גאָרטן, וואָס מ׳רופט אים „דער ענגלישער גאָרן״. דאָרט פלעגט רב מענדעלע אין די שײנע טעג אָפּזיצן שעהנווײַז, קוקן אויף דעם וואונדערשײנעם בלויעם

מאַסערשפּינגל און אויף די שיינע ווייסע שטאָלצע שוואַנען, וואָס שווימען דאָרטן, האַלטנדיק גלייך און הויך זייערע וואונדערשיינע קעפּ מיט זייערע לאַנגע האַלב־קײַלאַכדיקע האַלז, וואָס זעהט אויס ווי אַ האַרפע. די דאָזיגע שוואַנען און אַנדערע פייגל, וואָס געפינען זיך אויף דער אָזערע, וואַרפט מען אָפט שטיקלאַך ברויט. און זיי זיינען דערצו שוין אַזוי געוואוינט, אַז ווען זיי דערזעהען אַ מענטשן נאָהענט בײַם וואַסער, שווימען זיי צו צום ברעג.

אַז רב מענדעלע האָט עס דערזעהן, האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין פרײַנד בן־עמי, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין זשענעווע:

— דאָס ערשטע מאָל זעה איך, אַז מען זאָל נאָר פייגל אייך מאַכן פאַר שנאָרערס.

אַזוי האָט דער אַלטער יידע פיינט געהאַט ליידיקגייערס און באַטעפּעניקעס, וואָס לעבן פון בעטלען.

אין דער ווייטער שווייץ האָט דער יידע געפינען נאָהענטע איינקלאַך, דערהויפּט צווישן די יידישע סטודענטן דאָרט, וואָס האָבן פאַרשטאַנען, ווי אַזוי צו שעצן און אָפּגעבן כבוד דעם גרויסן מייערן גאַסט. אָבער אים האָט געצויגן צוריק אַהיים און נאָך אַ פּאָר יאָר האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין אָדעס, זיך ווידער אײַנגעזעצט צו זיין שרייבטיש אַרבעטן איבער זיינע ווערק, שרייבן זיינע זעלטן שיינע זאַכן. דאָס גאַנצע פאָלק אָבער, וואָס מענדעלע און זיינע ביכער זיינען געווען טיף אײַנגעבאַקן אין האַרצן בײַ אים, האָט שוין געוואָלט זעהן אַמאָל דעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור פּנים־אֶל־פָּנים. און דער טיפער זקן רב מענדעלע האָט געטאָן דעם ווילן פון דעם פאָלק, וואָס ער האָט אים אַזוי האָלט געהאַט, און האָט געמאַכט אַ נסיעה איבער אַ סך גרויסע יידישע שטעט. ער האָט באַזוכט ווילנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע, לאָדז און אַנדערע ערטער און אומעטום האָט ער

געזעהן באשיינפערלעך, ווי אזוי דאס פאלק האט ליב זיין גרויסן שרייבער. וואו ער איז דורכגעפארן, האבן אלע יידן אים אפגעגעבן דעם גרעסטן כבוד, אים געמאכט דעם שענסטן קבלת־פנים. טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן האבן אים באגעגנט און באלייט איף דעם גאנצן וועג פון זיין נסיעה; אן אמתער יום־טוב איז געווען דאן ביי די יידן. ס'האבן אויפגעהערט צו קלאפן די האמערס, ס'איז שטיל געווארן אין די יידישע ווארשטאטן, געשעפטן און פאבריקן; אלע, גרויס און קליין, יונג און אלט, זיינען געגאנגען מקבל־פנים זיין דעם באריטמטן טייערן גאסט.

און צוזעהענדיק די דאזיקע טיפע ליבשאפט און דעם דאזיקן גרויסן כבוד, וואס דאס גאנצע פאלק ווייזט אים ארויס, האט זיך רב מענדעלע געפרייט, איז געווען מלא שמחה, ווארים ער האט זיך מיט זיינע אייגענע אויגן איבערצייגט, אז ניט אומזיסט האט ער א גאנץ לעבן געארבעט פאר זיין פאלק, ניט אומזיסט האט ער צענדליקער יארן נאכאנאנד געשריבן ביכער פאר יידן, געוויזן זיי א שפיגל פון זייער לעבן, געלערנט זיי, ווי אזוי צו לעבן ווי מענטשן אויף דער וועלט.

דער אלטער זיידע האט דערזעהן, אז זיין ארבעט איז ביים פאלק אנגעלייגט און טייער. און דעריבער אז ער איז געקומען צוריק אהיים, אין אדעס, האט ער מיט נייעם כח און מיט פרישן חשק אנגעהויבן צו ארבעטן, צו שרייבן, איבערצובעסערן זיינע אלטע ווערק, אויסצושלייפן די שפראך, געפלייסט זיך, אז אין זיינע ביכער זאל אלץ זיין וואס בעסער, וואס שענער, וואס קונציקער. און אז ער פלעגט אוועקלייגן א ווײלע זיין פון גאט געבענטשטע פען אפרוהען די אלטע הענט, פלעגט ער אויך ניט זיצן ליידיק. גארניסט ניט טאן האט דער זיידע פיינט געהאט: פלעגט ער לערנען אליין, לייענען, שטענדיק אריינקוקן אין א ספר.

און אַז רב מענדעלע איז אַלט געוואָרן 75 יאָר, האָט אים דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק געמאַכט אַ יום־טוב, אַ יובילײ. און דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע ייִדן פון דער וועלט, אין רוס־לאַנד, אין פּוילן, אין גאַליציע, אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד, אומעטום, אין אַרבע כּנפות עולם, האָבן געפּייערט דעם דאָזיקן יובילײ, זיך געפרייט, וואָס זייער גרויסער זיידע האָט דערלעבט אַזאַ טיפע עלטער און איז נאָך פריש און פול מיט כּוחות, הערט ניט אויף צו אַרבעטן און צו באַשענקען זיינע ליבע אייניקלאך מיט זיינע טייערע ווערק.

אָט אַזוי האָט געלעבט אין שעפעריקער אומפאַרמאַטערליכער אַרבעט דער גרויסער ייִדישער שרײַפטשטעלער, ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלאַכע וועלט־מלחמה מיט אירע מוראדיקע אומגליקן, מיט הונגער, שׂרפות און מגפות. דער גוטער זיידע האָט עס שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן, ער איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער און אין סוף יאָר 1917 איז ער געוואָרן שטאַרק קראַנק, מיט סכּנת־נפשות; מ'האָט אים אַוועקגעלייגט אין אַ שפּיטאָל, און די גרעסטע דאָקטוירים האָבן זיך געפּלייסט מיט אַלע כּוחות, אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו דערהאַלטן דעם גרויסן זקן בײַם לעבן. זיינע נאָהענטסטע פריינד, אַלע גרויסע ייִדישע שרײַבער, זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון זיין קראַנקן בעט, געטאָגט און גענעכטיקט לעבן אים. ס'האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש איז שוין ניט באַשערט געווען צו דערלעבן גוטע צייטן, דעם סוף פון דער שרעקלעכער מלחמה, דעם ליבן שלום אויף דער ערד. 8 טעג אין חודש כּסלו פון דעם יאָר תרע"ח איז דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור שטיל אויסגעגאַנגען אין אָדעס, אין טיפער עלטער, אויסגעלעבט זיינע יאָרן.

שנעל ווי אַ בליץ האָט זיך די טרויעריקע בשׂורה פאַרשפּרייט איבער דער גרויסער ייִדישער שטאָט. אַלע האָבן

ה אנגעהויבן צו גרייטן צו דער לויה. יעדערער האט
פעס געפילט, אז ווייניקער א נאהענטער מענטש, און איינער
איז געשטארבן.

דער טאג איז געווען א קאלטער, א שניי איז געלעגן איבער די גאסן, און א פראסטיקער ווינט האט געבלאזן. דער שפיטאל, וואו רב מענדעלע איז געשטארבן, ליגט ווייט פון שטאט, אין מאלדאוואנקע. פונדעסטוועגן האבן טויזנטער מענטשן פון אלע עקן שטאט, מאנספיל, ווייבער און קינדער זיך געצייגן אהינצו צום לעצטן מאל א קוק טאן אויפן גרויסן נפטר און באגלייטן אים צו זיין אייביקער רוה.

---

ז.

מענדעלעס טויט האט אין דער גאנצער וועלט ביי אלע יידן ארויסגערופן א גרייסן צער. אומעטום, אין אלע יידישע שטעט און שטעטלאך, האט מען געמאכט טרויער-פארזאמלונגען, און די בעסטע מענטשן פון שטאט האבן דערקלערט דעם עולם, ווער איז געווען מענדעלע, וואס האט ער איפגעטאן פאר דעם יידישן פאלק און ס'איז א גרויסער שאד דאס איז פאר אלע יידן, וואס ער איז געשטארבן. און אלע רעדנער אויף די פארזאמלונגען האבן אויסגעלאזן זייערע רעדעס מיט די ווערטער: „מענדעלע איז געשטארבן, אבער זיינע ווערק וועלן אייביק לעבן ביי יידן".

וואס-ז'שע אזוינס האט מענדעלע אויפגעטאן פארן גאנצן פאלק, וואס אלע, אפילו די, וואס האבן אים קיינמאל ניט געזעהן, האבן געטרויערט נאך אים, און וואס די אויגן ניט געזעהן, האבן געטרויערט נאך אים. און וואס זיינען דאס פאר א ווערק, וועלכע וועלן אייביק לעבן ביי יידן?

מענדעלע האט אנגעשריבן זעער א סך ביכער, גאנצע זעכצן בענד אויף יידיש, דערצו נאך עטלאכע אויף העברעאיש. א גאנץ לעבן האט ער געארבעט איבער זיי, אט

**די דאָזיקע ביכער זיינען זיינע ווערק, וואָס וועלן לעבן אייביק ביי יידן.**

„מענדעלע מוכר־ספרים" האָט זיך אבראַמאָוויטש אונטער־געשריבן אויף זיינע ביכער. און דאָס איז נים געווען גלאַט אַזוי אַ נאָמען, אַן איינגעטראַכטער, אַ פסעוודאָנים, ווי מ'רופט עס. ער האָט זיך טאַקע פאַרשטעלט אין זיינע ווערק פאַר אַן אַלטן מוכר־ספרים, וואָס פאָרט אַרום מיט זיין פערד און וועגעלע מיט אַ בייד ביכער איבער אַלע יידישע שטעט און שטעטלאַך, שטעלט זיך אָפּ אין יידישע קרעטשמעס, פאַר־פאָרט אויפן שולהויף און קוקט זיך אומעטום צו צו אַלע־דינג וואָס אַרום אים, צו דעם יידישן לעבן, צו די יידישע מנהגים, צו די יידישע מעשים, סיי גוטע, סיי שלעכטע, הערט זיך צו צו די יידנס רייד, צו זייערע ווערטלאַך און מעשיות, באַטראַכט אויפן וועג די פעלדער און די וועלדער, דעם הימל און די טייכן, די ביימער און די גראָזן, די בהמות און די פייגעלאַך, און באַשרייבט עס נאָכדעם אין די ספרים, וואָס ער גיט אַליין אַרויס.

אין די דאָזיקע ספרים זיינע שילדערט מענדעלע די יידן, ווי אַזוי זיי זיינען געווען מיט אַ יאָר 50 צוריק. פון זיינע ביכער דערוויסן מיר זיך, ווי אַזוי האָבן יידן געלעבט דאַמאָלסט, וואָס האָבן זיי געטאָן, וואָס האָבן זיי געטראַכט, וואָס האָבן זיי ליב געהאַט און צו וואָס האָט זיי געצויגן, צו וואָס האָבן זיי געשטרעבט אין זייער לעבן. מיט זיינע שאַרפע אויגן האָט מענדעלע באַמערקט אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום אים, און האָט עס באַשריבן, אָפּגעשילדערט אַזוי לעבעדיק, אַז ס'איז אַ מחיה צו לייענען.

אַ סך האָט זיך פון דאַמאָלסט אָן ביי די יידן איבער־געביטן, אַ סך איז שוין געוואָרן גאָר אַנדערש—ניט צו דערקענען. די יידן זיינען שוין אויך עפּעס גאָר אַנדערע; זיי לעבן אַנדערש, ריידן אַנדערש, טראַכטן אַנדערש. דאָס

לעבן גייט אַלץ פאָראויס, בלייבט קיינמאָל ניט שטיין אויף איין אָרט. דאָס לעבן איז ניט קיין שטייענדיק וואַסער, נאָר אַ לעבעדיקער טייך, וואָס פלייצט אַלץ ווייטער און ווייטער. און אַזוי איז אויך דאָס ייִדישע לעבן.

אַבראַמאָוויטש דערציילט אונז אין זיינע ביכער, ווי אַזוי האָבן די ייִדן געלעבט אין זיין צייט. ער האָט ניט געקענט זייער לעבן, ער האָט עס געפאָרשט און שטודירט; ער האָט געזוכט צו ווערן באַקאַנט מיט אַלע שיכטן פון ייִדישן פאָלק, מיט אַלע גראַדן ייִדן, מיט אָרעמע און רייכע, בעלי-בתים און אַרבעטער, לערנער און בעלי-מלאכות, פרויען און קינדער. און באַשרייבנדיק זיי, מאָלט ער זיי אונז אַזוי אַקוראַט מיט אַלע פּיטשעלאַך, אַז זיי שטייען פאַר אונזערע אויגן ווי לעבעדיקע מיט זייער איבעריקן, מיט זייערע פּנימער, מיט זייער הילוך, מיט זייערע תנועות, מיט זייער ריידן, מיט זייערע בגדים און אַפילו מיט זייערע וואוינונגען און הייזער.

אין איינעם פון זיינע ביכער „פישקע דער קרומער" שילדערט אונז מענדעלע דאָס לעבן פון די ייִדישע אָרעמע לייט. וואָס מיט זיי האָט ער זיך גוט באַקאַנט נאָך ייִנגלווייז, בשעת זיין נסיעה מיט אַברהמל דעם הינקעדיקן. און באַשרייבנדיק מאָדנע קינציק זייער גאַנצן שטייגער, ווי אַזוי זיי גייען איבער די הייזער, וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, קריגן זיך, וואַלגערן זיך און שלאָגן זיך איינער מיטן אַנדערן, לעבן אין שמוץ און אין אומרייניקייט, לייגט מענדעלע אין דער באַשרייבונג אַריין אַזוי פיל כעס און ביטערקייט צו דער בעטלעריי, אַז ווער עס לייענט נאָר איבער דאָס דאָזיקע בוך, פאַרשטייט שוין גלייך, ווי מיאוס עס איז צו זיין אַ בעטלער און אַ שנאָרער, אַז יעדער מענטש מוז אַרבעטן און אַליין פאַרדינען זיין שטיקל ברויט.

און מענטשן, וואָס אַרבעטן, וואָס לעבן פון זייער אייגע-

נער פּראַצע, האָט מענדעלע מאָקע זעער האָלט געהאַט און האָט זיי באַשריבן מיט אַלע זייערע גוטע זייטן. און אַלע, וואָס האָבן געליטענט די דאָזיקע באַשרייבונגען, האָבן איינגעזעהן, אַז פאַר אַ בַּעַל-מלאָכה, פאַר אַן אַרבעטער דאַרף מען האָבן דֶּרֶךְ-אֶרֶץ, ניט קוקן אויף זיי מיט גַדלות. און מענדעלע איז דערייבער מאָקע מיער געוואָרן ביי אַלע מענטשן, וואָס האָרעוועט שווער, אַרבעטן ביטער אויף זייער אָרימער חִיּוּת.

און ציגלייך מיט די דאָזיקע מענטשן, וואָס לעבן פון זייער ערלעכער מיה און האָרעוואַניע, שילדערט אונז מענדעלע אויך די, וואָס אַלין טוען זיי גאָרנישט, נאָר צאַפּן דעם אַנדערנס בלוט און שווייס; דאָס זיינען די שלעכטע מענטשן מיט די האַרטע הערצער, וואָס האָבן נאָר קיין רחמנות ניט אויף זייערע אָרימע ברידער, וואָס טוען נאָר שלעכטס אויף דער וועלט, טראַכטן נאָר וועגן געלט, כָּבוד, וועגן לעבן אַ גוטן טאָג.

אויך דערציילט אונז מענדעלע וועגן יידישע פרויען, וועגן מוטערס און שוועסטער, ווי אַזוי זיי האָבן ליב די אָרימע יידישע קינדערלאַך, זיינען זיך מַמָּש מַקריב פאַר זיי, טוען כָּל עֲבוֹדַת פֶּרֶךְ, אַבי צו מאַכן גרינגער, בעסער, שענער דאָס לעבן פון די פאַרוואָגלטע און עלנטע קינדערלאַך.

וואָרים יידישע קינדער האָט מענדעלע האָלט געהאַט דאָס לעבן און האָט אַזוי פיל געשריבן וועגן זיי! אַך, ווי גוט ער האָט זיי געקענט, ווי טיף ער האָט זיי פאַרשטאַנען! דאָס גאַנצע קינדערשע לעבן האָט ער באַשריבן! זייער געבוירן ווערן און זייער האָדעוואַניע און זייער לערנען אין חדר און זייער שפּילן און זייער ריידן, אַלע זייערע פרייד און לייד! — פאַרהאַן ביי אים אַפילו אַ גאַנץ בוך, „שלמה ר׳ חיימס”—וואו עס ווערן באַשריבן די קינדער-יאָרן פון אַ יינגעלע שלמהלע. און שלמהלעס קינדהייט—דאָס איז דאָס

לעבן, האָם מענדעלע אליין האָט איבערגעלעבט; שלמהלע, ר׳ חיימס געראָטן יינגעלע! --דאָס איז שלומקע אבראַמאָוויטש אליין. אָבער אַלץ אין יענעם בוך איז אַזוי זעלטן אָפּגע־מאָלט און אָפּגעשילדערט, אַזוי קונציק און לעבעדיק, אַז לייענענדיק דאַכט זיך אונז, גלייך ווי ער וואָלט באַשריבן נים דאָס אייגענע לעבן, נאָר דאָס לעבן פון אַ סך, אַ סך יידישע קינדערלאַך—הדר־יינגלאַך מיט אַלע זייערע שטיק און גענגעלאַך, מעשים און מחשבותלאַך. בײַ אַ גרויסן שרײַבער איז אַלעמאָל אַזוי: וואָס ער זאָל נים באַשרײַבן, ליגט אין דעם אַזאַ כּוח, אַז אַלע האָבן די גרעסטע הנאה לייענענדיק עס, און וואונדערן זיך, חידושן זיך, ווי ריכטיק דער קינסטלער האָט עס אַליין באַמערקט, ווי גוט ער האָט עס אַליין פאַרשטאַנען, ווי אָפּטהיק ער האָט עס אַליין איבער־געגעבן. וואָרים אַזאַ קראַפט האָט שוין דער קינסטלער— ער אַנטפּלעקט, דעקט אויף פאַר דעם לייענער דאָס גאַנצע האַרץ, די גאַנצע נשמה פון די מענטשן, וואָס ער באַ־שרײַבט, מיט אַלע זייערע פאַרבאָרגענע געדאַנקען, גע־פילן, איבערלעבונגען.

און נים נאָר איף מענטשן איז מענדעלע געווען אַזאַ גרויסער מבֿין; ער האָט אייך זייער גוט געקאָנט מאָלן די נאַטור. וואָרים די נאַטור האָט מענדעלע האָלט געהאַט מיט דעם גאַנצן כּוח פון זיין נשמה. זיין גרעסטער נחת איז שטענדיק געווען צו פאַרברענגען איפן שויס פון די גרינע פעלדער, ליגן אין טיפן גראָז, אויסציהען זיך אויפן זאַמד בײַם ברעג ים, שפּאַצירן גיין אין וואַלד. אָה, ווי מענדעלע האָט ליב געהאַט דעם וואַלד! ווי טיף ער האָט פאַרשטאַנען דעם לשון פון די ביימער, פון די גראָזן, פון די בלומען! און אין זיינע ביכער טרעפן מיר די שענסטע נאַטור־באַ־שרײַבונגען, וואָס קיינער האָט ביז אים אויף יידיש אַזעלכע נים אָנגעשריבן. און בײַ יידן, וואָס האָבן זיך צום אומגליק

דערווייטערט פון דער נאַטור, אָפּגעלעבט אַלע זייערע יאָרן און מען איז אין די ענגע פאַרשטיקטע שטיביקע שטעט, אַז זיי האָבן איבערגעלייענט מענדעלעס נאַטור-באַשרייבונגען, האָבן זיי בעסער אָנגעהייבן צו פאַרשטיין די נאַטור און אירע שיינקייטן און דעם נחת, דעם הנאה פון דערפון.

און נישט נאָר די מענטשן און די נאַטור האָט מענדעלע באַשריבן: ער האָט אונדז אויך אָפּגעמאָלט דאָס לעבן פון די בהמות, חיות, עופות, פון די פייגעלאַך און פליגעלאַך. פאַרהאַן בײַ אים אַפילו אַ גאַנץ בוך „פרק שירה". וואו ער באַשרייבט אין גראַמען אַלע בעלי-החיים, אַלע לעבעדיקע זאַכן, וואָס לעבן און ווידמען זיך אויף נאָמען שיינער וועלט. און אַפילו די נישט-לעבעדיקע זאַכן באַשרייבט ער דאָרטן, די ימען, טײַכן, קוואַלן, מדבריות, וואָלקנס, רעגנס, פעלדער, תבואות וכדומה.

היינט דאָס ייִדישע פאָלק, דאָס אַלטע אייביקע ייִדישע פאָלק! ווי האָט עס מענדעלע ליב געהאַט און ווי האָט ער געליטן און צער געהאַט, וואָס עס לעבט אַזוי שווער און ביטער, אין צרות, אין עלנט, אין הונגער און קעלט, געיאָגט און געפּלאָגט פון אַלע זײַטן. און ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך „די קליאַטשע", אַ משל צו דעם ייִדישן פאָלק, צו זײַנע יסורים און פּײַן, און דאָס בוך האָט אָנגעמאַכט אַ בעש אין דער וועלט, און אַלע האָבן דערזען, ווי אומגערעכט די וועלט איז צו די ייִדן, וואָס לײַדן נעבעך אַזוי, פרעגן פאַר וואָס, פרעגן פאַר ווען. און די געבילדעטע ייִדן, וואָס האָבן זיך פריִער געהאַט דערווײַטערט פון ייִדישן פאָלק, האָבן חרטה געהאַט, האָבן זיך אומגעקערט צוריק צו אים, אָנגעהויבן צו אַרבעטן און צו פלײַסן זיך מיט אַלע כּוחות, אַז דאָס לעבן פון ייִדן זאָל ווערן לײַכטער, בעסער, שענער. און זיי האָבן אַ סך אין דעם אויפגעטאָן, הגם אַ סך דאַרף מען נאָך טאָן, כּדי דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס דאָס איבער-

געלעבט אזא שיינע העלדישע געשיכטע, זאל חערן גליק־לאַך און פרייד אַזוי ווי אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער וועלט. ווארים אז מ׳לייענט די „קליאַטשע“ און אויך אַנדערע ביכער מענדעלעס, דערהויפט זיין גרעסט ווערק „דאָס ווינטשפינגערל“ — וואו ער באַשרייבט דעם גאַנצן טרויעריקן גורל פון ידן — נעמט אונז אָן אזא גרויס רחמנות און אַזאַ שטאַרק ליבשאַפט צום ידישן פאָלק, אַז ביי אונז צינדט זיך עפּעס אָן אַ הייסער פאַרלאַנג צו לעבן פאַר ידן און צו אַרבעטן פאַר זייער גליק.

מענדעלע האָט אין זיינע ביכער אויך שטאַרק געשטראָפט די ידן פאַר זייערע שלעכטע מעשים, פאַר זייערע מיאוסע מידות, פאַר זייער ניט גוטער איפפירונג. אָבער ער האָט דאָס געטאָן דערפאַר, וואָס ער איז זיי געווען געטריי און איבערגעגעבן, אַזוי ווי אַ טאַטע צו קינדערן אַזוי ווי אַ גוטער לערער צו תּלמידים. ער האָט אַלץ גע־וואָלט, זיי זאָלן בעסער ווערן, זיי זאָלן מער פאַרשטיין, מער וויסן, כדי זיי זאָלן זייער לעבן בעסער מאַכן. און פונקט ווי ער האָט צער געהאַט פון די ידנס שלעכטע זייטן, פון זייערע חסרונות, אַזוי האָט ער זיך געפרייט, נחת געהאַט פון זייערע מעלות. ער האָט געשילדערט די שיינע זייטן פון ידישן לעבן, די גרויסקייט אין דערהייבנקייט פון דער ידישער געשיכטע. פון די ידישע מנהגים, דעם ליבן שבת־קודש, דעם עונג יום־טוב, און אַלץ מיט אַזאַ ליבשאַפט און מיט אַזאַ כּוח, אַז לייענענדיק עס, האָבן אַלע ידן, אפילו די ניט פרומע, בעסער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם שטאָלץ אין דעם כּבוד צו זיין אַ ייד און האָבן נאָך מערער ליב באַקומען דאָס ידישע פאָלק.

אָבער מענדעלע מוכר־ספרים איז ניט נאָר געווען אַ גרויסער מאָלער פון ידישן לעבן — ער איז דערצו נאָך

**געווען א זעלטענער קינצלער, א האונדערלאכער מייסטער פון דער יידישער שפראך.**

יידיש, די שפראך, וואס כמעט אלע יידן אין דער גאנצער וועלט, אין רוסלאנד, ליטע, פוילן, גאליציע, רומעניע, אמעריקע, ארץ-ישראל און נאך אנדערע לענדער ריידן אויף איר שוין א צייט מיט הונדערטער יארן, איז שוין איצט געווארן אנגענומען ביי דער וועלט. די נעבילדעטסטע און בעסטע מענטשן פארשטייען שוין איצט, אז א ייד דארף אלעמאל ריידן און שרייבן יידיש, אז א יידיש קינד דארף קודם-כל לערנען יידיש, אז אין א יידישער שול דארף מען אלע לימודים לערנען אויף יידיש.

אבער בשעת אבראמאוויטש איז געווארן א שרייבער ביי יידן—ס'איז שוין אין דעם א מעשה פון א יאר 60—איז געווען אנדערש. אמת, די יידן האבן אויך דאמאלסט גערעדט אויף יידיש, געלערנט אלצדינג אין די חדרים און ישיבות אויף יידיש, געשריבן בריוו אויף יידיש, געפירט די ביכער אויף יידיש; אבער ווי נאר איינער פלעגט זיך אויסלערנען א פרעמדע שפראך, פלעגט אים שוין ניט אנשטיין צו ריידן אזוי ווי יידן און ער פלעגט זיך שעמען מיטן מאמע-לשון. איצטער זיינען נאך אויך פארהאן צום אומגליק אזעלכע מענטשן ביי יידן, וואס שעמען זיך צו ריידן אויף יידיש און ריידן מיט די קינדער גוייש. פאר די עלטערן איז דאס א גרויסע חרפה, וואס זיי שעמען זיך צו זיין מיט אלע יידן גלייך, טיילן זיך אפ פון כלל. פאר די קינדער איז דאס א גרויס אומגליק, ווארים זיי קענען שוין גארנישט קיין יידיש; אלץ איז ביי זיי גוייש; שפילן זיי א שפיל—איז עס מיט גויישע ווערטער; זינגען זיי א ליד—איז עס א גוייש ליד; די שיינע מתוקדיקע יידישע לידער קאנען זיי ניט. און אז זיי וועלן אויסוואקסן, וועט זיי זיין שווער צו ריידן אויף יידיש, צו פארשטיין דעם

לשון פון אַלע ייִדן. וואָרים דאַמאָלסט האָבן שוין אַלע ווּיִסן אַז ס'איז מיאוס צו שעמען זיך מיט דער אייגענער שפּראַך, בפרט אַז יידיש איז אַזאַ שיינער לשון מיט אַזעלכע שיינע לידער, מעשיות, רעטעניש, וויצן, ווערטלאַך.

ווער־זשע איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ יידישער שרייבער, ווײַבאַלד ער שרייבט פאַר ייִדן — און פאַר וועמען דען זאָל אַ יידישער שרייבער שרייבן, אַז ניט פאַר ייִדן? — דאַרף ער שרייבן אויף יידיש? דאָס איז געווען שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש.

שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש האָט גוט געקאָנט לשון־הקודש אויך און האָט עס זייער האָלט געהאַט. פונדעסטוועגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מ'דאַרף זיך מיט יידיש אויך ניט שעמען, ס'איז אויך אַ שיינער יידישער לשון, וואָס אַלע אמתע ייִדן ריידן אויף אים. און ביי אים איז געבליבן צו שרייבן אַלע זיינע ווערק אויף יידיש. אָבער גלאַט שרייבן האָט אַבראַמאָוויטש פיינט געהאַט. ער האָט מיט אַלע כּוחות זיך געפּליעט, אַז זיין יידיש זאָל טאַקע זיין שיין, ריין, אָפּגעטאָקט, ניט אַזוי ווי די שרייבער ביז אים, וואָס האָבן געשריבן אַבי־ווי, נאָר ניט געזאָרגט זיך, אַז עס זאָל אַרויסקומען מיט אַ טעם. יאָרן נאָכאַנאַנד האָט מענדעלע געשליפן און געפּערלט די יידישע שפּראַך, אויסגעזוכט די שענסטע יידישע ווערטער און ווערטלאַך, זיך צוגעהערט, ווי אמתע ייִדן ריידן און האָט דאָס אַלץ אַריינגעבראַכט אין זיינע ביכער.

און אַז מ'האָט איבערגעלייענט מענדעלעס ביכער, האָבן זיך אַלע געכאַפּט פאַר די קעפּ. עפּעס וואָלט קיינער פריהער נאָר ניט געגלויבט, אַז אויף יידיש זאָל מען קאָנען אַזוי שיין, אַזוי ריכטיק, אַזוי גוט, אַזוי קונציק שרייבן. און דאַמאָלסט האָבן אויך אַנדערע אָנגעהויבן צו שרייבן אויף יידיש און ס'זיינען געוואָרן אַ סך גרויסע שרייבער ביי ייִדן,

[illegible] שלום-עליכם, פרץ, דינעזאָן, ספעקטאָר, פרוג, פרישמאַן, מאָרים ראָזענפעלד, אברהם רייזען, יהואש, אש, יהודה שטיינבערג, נאָמבערג, ווייסנבערג, דוד איינהאָרן און נאָך אַ פולע אַנדערע, וועלכע האָבן אָנגעשריבן אַ סך טייערע ביכער אויף יידיש, האָבן געשאַפן, ווי מ'זאָגט אַ יידישע ליטעראַטור, אַ שיינע, אַ רייכע, וואָס איז אַ דערקוויקונג פאַר אַלע יידן און אַ כבוד פאַרן גאַנצן פאָלק.

ווער-זשע האָט די דאָזיקע שרייבער געוויזן, ווי אַזוי מ'דאַרף שרייבן יידיש ?—שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש. אָט פאַרוואָס ער האָט באַקומען דעם שיינעם בכבודיקן נאָמען— דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט די דאָזיקע ליטעראַטור געשאַפן, און אַלע איבעריקע יידישע שרייבער זיינען געוואָרן געטרייע אייניקלאַך, וואָס האָבן זיך צוגעהערט און צוגעקוקט און געפאָלגט דעם גרויסן זיידן, זיך געלערנט פון אים און פון זיינע ביכער.

און ניט נאָר די שרייבער זיינען זיינע אייניקלאַך, נאָר אַלע יידן, וואָס האָבן האָלט דאָס יידישע פאָלק און האָלט די יידישע שפּראַך, זיינען די אייניקלאַך פון דעם גרויסן זיידן מענדעלע מוכר-ספרים.

און דעריבער האָט מענדעלעס טויט אַרויסגערופן אַ גרויסן טרויער ביי אַלע יידן, אפילו ביי די, וואָס האָבן אים קיינמאָל אין די אויגן ניט געזעהן; און דעריבער וועט דער זכרון פון דעם גרויסן זיידן לעבן אייביק ביים יידישן פאָלק; אַלעמאָל וועלן יידן לייענען מענדעלעס ווערק און געדענקען דעם גרויסן יידישן שרייבער שלום-יעקב אַבראַמאָוויטש.

[illegible]

## [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] 50 [illegible]